**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלארדיגער קאמערציעלע און אינדוסטריאלע פארשנעלערטע ווירקזאמקייט פראגראם צו רעדוצירן פאַסיל ברענשטאף באנוץ

***ביז אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר פער פראיעקט יעצט דא צו באקומען פאר בארעכטיגט פארגעשלאגענע פראיעקטן צו פארענדיגט און אריינגעברענגט ווערן אין אפעראציע ביז 2025***

***פארשנעלערט פארשריט אין ריכטונג פון סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

***העלפט זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דעם 10 מיליאן דאלארדיגן 'קאמערציעלע און אינדוסטריאלע פארשנעלערטע ווירקזאמקייט פראגראם' ( Commercial and Industrial Accelerated Efficiency Program). דער פראגראם העלפט ארויס גרויסע קערפערשאפטן וועלכע נוצן אסאך ענערגיע מיט זייערע באמיאונגען צו רעדוצירן די אויפן-ארטיגע באנוץ פון פאַסיל ברענשטאף דורך ענערגיע שפארזאמקייט און עלעקטריציטעט באנוץ. דער פראגראם וועט צושטעלן ביז 5 מיליאן דאלאר פער פראיעקט וואס איז פארגעשלאגן געווארן צו זיין פארענדיגט און אין אפעראציע ביז 2025. די היינטיגע אנאנס העלפט מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די ציהלן פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס.

"דורך די נייע איניציאטיוו גיבן מיר א קריטישע רייץ פאר די קאמערציעלע און אינדוסטריאלע פעלדער פון ניו יארק'ס עקאנאמיע צו דורכפירן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן זייער קארבאן באנוץ און וועלכע העלפן נאכקומען אונזערע אמביציעזע קלימאט ציהלן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס דערפרייידט מיך צו זעהן די וואקסנדע צאלן פון פירמעס וועלכע זוכן וועגן צו מאכן פארשריט מיט אונזער ארבעט צו אויפבויען מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס באזונדערס די וועלכע זענען היסטאריש איבערגעלאזט געווארן פון הונטן אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ברענגען באדייטפולע געזונטהייט און עקאנאמישע בענעפיטן פאר אלע ניו יארקער אלץ טייל פון אונזער פארברייטערנדע גרינע עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דארין מ. העריס, האט געזאגט,** "דאס ארויסקומען מיט דעם פראגראם ווייזט ארויס NYSERDA's איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין שותפות'ן וועלכע העלפן מאכן טייל פון ניו יארק'ס גרעסטע ענערגיע

באנוצער רייִנער און מער ווירקזאם. די פארפליכונגען צו ענערגיע שפארזאמקייט און צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע עמיסיעס פון די אפעראציעס וועלן רעדוצירן פארפעסטיגונג אין אונזערע קאמיוניטיס, זיי וועלן אויספלאסטערן די וועג צו א געזונטערע, מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט און זיי וועלן דינען אלץ א מוסטער פון קלימאט שריט פאר אנדערע גרויסע ענערגיע באנוצער."

דער פראגראם איז אויסגעשטעלט צו רעדוצירן עמיסיעס פון אפעראציעס אין פעלדער וועלכע זענען שווער צו אראפנעמען פון קארבאן באנוץ און נוצן אסאך ענערגיע און צו עלימינירן שעדליכע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן אין די קאמיוניטיס וואו די אפעראציעס קומען פאר. ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס סיסטעם וויאזוי זיי גיבן א צייכן פאר א פראיעקט גיבט דין קדימה פאר אזעלכע שעדליכע גאז עמיסיע רעדוקציעס וואס ווערן געמאכט אין קאמיוניטיס וועלכע זענען דעזיגנירט אלץ שוואכערע קאמיוניטיס און ברענגען בענעפיטן פאר זיי.

דער פראגראם איז אפן פאר הויפט מעניופעקטשורינג אינדוסטריעס און קאמערציעלע קאמפוס פלעצער וואו צום ביישפיל: פאפיר; פעטראליום; פשוט'ע מעטאלן; נישט-מעטאלישע מינעראלן; כעמיקאלן; עסנווארג; פאבריצירטע מעטאלענע פראדוקטן; טראנספארטאציע עקוויפמענט; קאמפיוטערס און עלעקטראניקס; קאלעדזש און אוניווערסיטעט קאמפוסן; און העלט קעיר איינריכטונגען קאמפוסן. שטיצנדע אפעראציעס ווי ווערהאוזעס און דיסטריביושען פלעצער, גרובער און וואסער און וואסער אפלויף זענען אויך בארעכטיגט. צו זעהן נאך פאדערונגען צו קענען זיין קוואליפיצירט, באזוכט ביטע NYSERDA'ס וועבזייטל.

**פרעזידענט פון די מעניופעקטשורערס אסאָסיעישען פון צענטראל ניו יארק ( Manufacturers Association of Central New York, MACNY), רענדי וואלקען, האט געזאגט,** "דער ניי-ארויסגעקומענער NYSERDA פראגראם, קאמערציעלע און אינדוסטריאלע פארשנעלערטע ווירקזאמקייט פראגראם, וועט צושטעלן די מיטלען צו העלפן ארגאניזאציעס נאכקומען די ענערגיע ציהלן פון ניו יארק סטעיט. דער פראגראם נעמט באדייטנד אוועק די פינאנציעלע ריזיקע. צוזאמען מיט אנדערע NYSERDA פראגראמען קענען פירמעס ערגענצן און פארבעסערן זייערע אינערליכע מיטלען פאר די לאנגע טערמין. NYSERDA האט א לאנגיאריגע היסטאריע פון הצלחה מיט פארשונג און אנטוויקלונג הילפס-מיטלען צו שטיצן אנטוויקלונג פון די פראגראמען. MACNY מוטיגט אונזערע מיטגלידער און קאמיוניטי שותפים צו לערנען מער איבער די פראגראמען און צו אויסנוצן די געלעגנהייט."

דער פראגראם איז אפן פאר קאמערציעלע געביידע אייגנטימער וועמען'ס ענערגיע אויסגאבן זענען צום וויניגסטנס 1 מיליאן דאלאר יערליך און אזוי אויך אינדוסטריאלע פירמעס וועלכע שפענדן צום וויניגסטנס $500,000 אויף ענערגיע יערליך. אין צוגאב וועלן די וועלכע גיבן אריין פארשלאגן פארלאנגט ווערן צו אידענטיפיצירן אן ענערגיע שפארזאמקייט ציהל און פראיעקטן וועלכע זיי וועלן פארענדיגן צו נאכקומען די ציהל. גרענטס וועלן זיין צווישן $500,000 און 5 מיליאן דאלאר. די אויסוואהל וועט זיין באזירט אויף א סיסטעמאטישע צייכן וואס גיבט דין קדימה פאר גרויסע היץ ענערגיע איינשפארונגען, עמיסיע איינשפארונגען, קלוגע בודזשעטינג, רעדוקציע פון די ענערגיע באנוץ דורך די פארנומענסטע צייטן און פארשנעלערטע אינסטאלאציעס. פראיעקטן מוזן נוצן טעכנאלאגיע וואס איז דא צו באקומען אויף די מארקעט און עס דארף אינסטאלירט ווערן אין א צוויי-יאריגע צייט אפשניט.

ביישפילן פון בארעכטיגטע מאסנאמען רעכענען אריין:

- ענערגיע שפארזאמקייט פארבעסערונגען
- פראצעדור שפארזאמקייט פארבעסערונגען
- ענערגיע/היץ אפכאפונג
- היץ פּאָמפּס פון די ערד אדער לופט
- עלעקטריציטעט באנוץ פאר היץ קאנטראל

- ענערגיע מענעדזשמענט סיסטעמען און קאנטראלס
- אפעראציעס און אויפהאלטונג פארבעסערונגען

אפליקאציעס דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז 3:00 נאכמיטאג אויף אויגוסט 31, 2023. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוו קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די געלטער קען מען געפונען אויף די NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###